# איך בין דאָך ניט איינע

איך בין דאָך ניט איינע
אַ מאַמע
וועמעס זון טראָגט פֿון כּבֿוד
די שטרײַפֿן,
דער כּוח פֿון העלדישן מאַן,
דער אימפּעט פֿון ייִנגלשן וועזן,
דער גלויבן אין ריינע פּרינציפּן
שטורעמט די ווענט פֿון טיראַן.

און מוז מען נאָך שנײַדן און צופּן
דאָס פֿלייש, וואָס איז ווילד
אָנגעוואַקסן,
די פֿלאַגמע פֿון קראַנקע אינסעקטן
וואָס רופֿן זיך פֿעלקער,
אויך מענטשן.

און מוז מען נאָך ברענען
און בראָטן דעם טויטלעכן סם,
די שרעקלעכע זריעה אויסראָטן
פֿון הימל, דער ערד, און דער ים.

בלישטשען די ביקסן,
בלאַנקן די טאַנקען,
די שיפֿן געלאָדן
מיט קוילן און בלײַ.
ייִנגלעך ווי מײַנער
אין מונדירן צעריסן,
וואַשן דאָס בלוט
פֿון דער וווּנד וואָס טוט וויי.

ייִנגלעך ווי מײַנער
אויף די אַרבל די שטרײַפֿן,
די הענט צעאַקערט
אין קאַמף מיט דער חיה,
אַ שניט אויפֿן פּנים,
אַ וווּנד אויפֿן קערפּער,
זײַן זעל איז דאָך
אינגאַנצן אַ פֿרײַע.